## קאַפּיטל נײַנצן

1 און עס איז געשעען, ווען ישוע האָט געענדיקט
די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך אויפגעהויבן
און איז אַוועק פון גליל, און איז געקומען אין דעם
2 גבול פון יהודה, אויף יענער זייט ירדן. און גרויסע
המונים מענטשן האָבן אים נאָכגעפאָלגט, און ער
האָט זיי דאָרט געהיילט.
3 און פרושים זענען געקומען צו אים, האָבן אים
אויסגעפּרואווט, און געזאָגט: צי מעג מען זיך גטן
4 מיטן ווייב צוליב יעדער סבה? ער אָבער האָט
ענטפערנדיק געזאָגט: האָט איר דען נישט געלייענט,
אַז דער בורא האָט אין אָנהייב זיי באַשאַפן זכר
5 און נקבה, און געזאָגט: דערפאַר וועט אַ מענטש
פאַרלאָזן דעם פאָטער און די מוטער, און זיך באַ־
העפטן מיט זיין ווייב; און די צוויי וועלן ווערן איין
6 פלייש? אַזוי זענען זיי שוין מער נישט קיין צוויי,
נאָר איין פלייש. דעריבער וואָס ג־ט האָט מזווג
7 געווען, דאָס זאָל קיין מענטש נישט צעשיידן. זאָגן
זיי צו אים: און פאַרוואָס האָט משה געבאָטן איר צו
8 געבן אַ גט, און זי אַוועקצושיקן? זאָגט ער צו זיי:
משה האָט אייך דערלויבט צו גטן אייערע ווייבער,
מחמת דער האַרטקייט פון אייער האַרץ; פון אָנהייב
9 איז עס אָבער נישט אַזוי געווען. און איך זאָג אייך:
ווער עס גט זיך מיט זיין ווייב, אַ חוץ צוליב זנות,
און האָט חתונה מיט אַן אַנדערער, דער איז מזנה;
און ווער עס האָט חתונה מיט אַ גרושה, דער
10 איז מזנה. זאָגן די תלמידים צו אים: אויב די זאַך
איז אַזוי צווישן מאַן און ווייב, טויג נישט חתונה־
11 צו־האָבן. ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: נישט
אַלע קענען מקבל זיין דאָס דאָזיקע וואָרט, נאָר זיי,